# יחידהל

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת ויקהל - פרה תשפ"ה / גליון קכ"ח



0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע

605.313.6695

אין אייראפע

033.0551.7811

ספעציעל לייכט און דערהויבן

ליל שישי פארברענג

מיט חסיד'ישע אינגעלייט שליט"א

יעדע ליל שישי אויף נומער 1


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט

ספה"ק **מאור עינים** (מקץ)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | והנה מן היאור עולות |
| שני | והנה שבע פרות אחרות |
| שלישי | זמן שיעור הדלקת |
| רביעי | ועל כל זה הוא מה שאנו |
| חמישי | כה אמר ה' לסריסים עד ד"ה את שבתותי |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# הנשמה שבמוחי

## א איד דארף נישט אנהייבן פון זערא, ווייל יעדער אידישער מוח וויל דעם אויבערשטן! אין קאפ איז ער שוין מקושר צום אויבערשטן!

מאיר און יאנקל, צוויי נאנטע חברים. זיצן זיי אזוי געמיטליך און שמועסן זיך דורך אביסל זייער מצב וואו זיי האלטן אויף דער וועלט.

מאיר רופט זיך אן מיט א וויטאג: "איי, איך ליג אזוי אין דער ערד! מיין קאפ ליגט מיר אין עולם הזה! אסאך מאל קומט מיר אויס צו זען, ווי א יונגערמאנטשיקל לויפט אין גאס, און מען זעט אויף זיין פנים ווי זיין הארץ בענקט א גאנצן צייט צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן. דו ווייסט? מיין הארץ גייט מיר אויס פאר קנאה! דאס הייסט געלעבט! דער יונגערמאן לעבט עכט מיטן אויבערשטן! אבער איך ליג נעבעך אין אזא בלאטע...".

"וויאזוי קענסטו רעדן אזוי?" וואונדערט זיך יאנקל, "דו אליינס זאגסט דאך, אז דו גייסט אויס פון קנאה צו זוכה זיין צו דער סארט לעבן פון די דערהויבענע אינגעלייט, וועלכע שטרעבן א גאנצן צייט צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן. נו אוב אזוי, מיינט דאך דאס, אז דו ווילסט אויך טון דאס זעלביגע! נו, גיי טוה! ווער לאזט דיר נישט?".

"וואס?! איך?!", גיבט מאיר א ציטער אויף, "איך וויל יעדע רגע מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן?! הלואי! הלואי וואלט איך געוואלט! אבער ניין. זיי, די חשוב'ע אינגעלייט, זיי ווילן אמת'דיג, והא ראיה, אז זיי טוען עס. אבער איך?! איך טראכט נאר דערפון, אבער 'למעשה' איז עס נישט 'איך'! 'איך' ליג טיף אין דער בלאטע פונעם עולם הזה".

יאנקל איז נישט מסכים צו דער הנחה: "ניין מאיר, אויב דו טראכסט דערפון - ביסטו דארט! ווייל אט די מחשבה - דאס איז דיין גאנצער מהות! עס איז טאקע פארהאן ערגעץ א פלאץ וואו זאכן ווערן ליידער פארפלאנטערט און דיין רצון טוישט זיך איבער, אבער בעצם ווילסטו יא! און אויב אזוי, גיי טוה!".

## דיין מוח איז אינגאנצן גוט

איינס פון די גרעסטע טעותים וועלכע האלטן צוריק א איד פון ווערן נאנט צום אויבערשטן, איז דאס וואס ער מיינט אז ער איז אזא איינער וועלכער דארף נאך אנהייבן ממש פון אנהייב. כאילו, ער האט נאכנישט קיין שום שייכות מיטן אויבערשטן, ער וויל באמת בלויז גשמיות און נארישע עולם הזה - וואו ער ליגט נעבעך פארזינקען, און ער דארף יעצט אנהייבן צו לייגן דעם 'אבן הפינה' צו בויען א 'רצון' אז ער זאל בכלל זיין אינטערעסירט צו האבן קשר מיטן אויבערשטן.

דאס איז א ריזיגער טעות. יעדער איד האט שוין דעם 'אבן הפינה'! יעדער איד האט שוין אין זיין 'מוח' א 'נקודה' וואס ער וויל דעם אויבערשטן! דארט אין יענע פלאץ אין קאפ, ווייסט ער זייער גוט ווי זיס און ליכטיג דער הייליגער באשעפער איז, און ער וויל אזוי שטארק אים דינען. דער פראבלעם איז, אז דער מענטש שפירט נישט אז ער אליינס וויל אים עכט דינען, נאר עס קוקט אים אויס, אז יענע נקודה אינעם מח איז עפעס א 'חיצוניות' - אינדרויסן פון אים, און דער עכטער 'איך' - זענען זיינע תאוות רעות. אבער אינ'אמת'ן איז דאס נישט ריכטיג, ווייל דער פינטעלע מוח וועלכער וויל דינען דעם אויבערשטן - דאס איז דער טיפסטער און אמת'דיגסטער 'איך' פונעם גאנצן מענטש.

דער 'תפארת שלמה' אין אונזער פרשה איז מסביר: **"הִנֵּה הַדַּעַת הוּא בַּמֹּחַ, דְּהַיְנוּ הַמַּחֲשָׁבָה, וּבַמַּחֲשָׁבָה הַכֹּל חֲפֵצִים לַעֲשׂוֹת רְצוֹן הַבּוֹרֵא כַּיָּדוּעַ לְכָל בַּר יִשְׂרָאֵל. אַךְ כַּאֲשֶׁר בָּא לִבְחִינַת הַלֵּב - הַלֵּב הוּא מְהַפֵּךְ הָרָצוֹן, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה 'בְּכָל לְבָבְךָ - בִּשְׁנֵי יְצָרֶיךָ בְּיֵצֶר טוֹב וּבְיֵצֶר הָרָע', הֲרֵי שֶׁעִקַּר הַיֵּצֶר הָרַע הוּא בַּלֵּב, וּכְמוֹ שֶׁמּוּבָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל דְּעִיקַּר עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרַע הוּא בְּז"א בֶּחָזֶה וּלְמַטָּה, שֶׁשָּׁם הוּא הַלֵּב. אַךְ בַּמּוֹחַ שָׁם הַדַּעַת הוּא בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל כֻּלּוֹ טוֹב, רַק שֶׁהַלֵּב הוּא מְהַפֵּךְ גַּם כֵּן הַמַּחֲשָׁבָה עִמּוֹ"**.

יעדער איד ווייסט ביי זיך, אז ער וויל דינען דעם אויבערשטן. דאס איז נישט קיין דמיונות! מען טאר דאס נישט אראפקוקן! פארקערט, מען דארף דאס ארויפקוקן!

די סיבה דערצו - איז דער תפארת שלמה מסביר - איז, ווייל דער אידישער מח איז קיינמאל נישט נפגם געווארן ביי 'שבירת הכלים'. "ג' **רִאשׁוֹנוֹת לֹא מֵתוּ, דְּהַיְנוּ כֶּתֶר חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת, דְּהַיְנוּ עוֹלָם הַמַּחֲשָׁבָה**". דער אידישער מוח איז ריין און הייליג. און דערפאר, דארט אין מוח, וויל יעדער איד דעם אויבערשטן. א איד דארף נישט אנהייבן פון זערא, ווייל ער האט שוין עפעס! ער איז שוין סייווי מקושר אין קאפ, יעצט דארף ער דאס אראפברענגען, אז דער מח זאל עס אריינשיינען אין הארץ, און נישט אז די הארץ זאל אראפשלעפן דעם מוח צו זיך.

## א אידישער מח - א מתנה פון אויבן

מען מוז אונטערשטרייכן: דאס וואס דער מוח וויל דעם אויבערשטן - איז נישט קיין מוח'דיגער נאטור, און אויך נישט צוליב דעם וואס דער מוח האט ווייניגער פערזענליכע נגיעות (וועלכע איז גראדע אויך אמת). דא רעדט זיך פון אסאך גרעסערס דערפון. די סיבה דערצו איז, ווייל דער מוח פון א איד איז א געטליכער כח! דער הייליגער קשר וואס דער איד האט אין מוח - איז א מתנה וואס ער האט באקומען פון הימל! דארט רוהט דער אור פון די י"ג מדות של רחמים!

**"וּמַה שֶּׁהַדַּעַת הוּא טוֹב, הַיְנוּ הַמַּחֲשָׁבָה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל, זֶהוּ מִדַּת הָרַחֲמִים שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁנּוֹתֵן הַמַּחְשָׁבָה שֶׁל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְעָבְדוֹ. וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ 'יִשְׂרָאֵל עָלוּ בְּמַחְשָׁבָה תְּחִלָּה', שֶׁבְּרֵאשִׁית הוּא בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרְאוּ רֵאשִׁית' - שֶׁתְּחִלַּת בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִתֵּן לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הִרְהוּר עֲבוֹדָה בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ. וְזֶהוּ 'וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר', דְּהַיְנוּ שֶׁבְּכָל יוֹם נוֹתֵן בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ שֶׁל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְתוֹרָה וַעֲבוֹדָה. וְזֶה (בִּתְפִלַּת שמו"ע) אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת שֶׁהַדַּעַת בָּא לָאָדָם בְּמַתָּנָה וַחֲנִינָה. וְזֶהוּ 'וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן וְאַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ כְּדַאי' - הַיְנוּ הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁזֶּהוּ בִּכְלַל חֲנִינָה"**.

יעדן טאג באקומסטו פונעם אויבערשטן מחשבות פון עבודת ה'. פארוואס? ווייל א חלק פון דער פלאן פון 'בריאת העולם' איז געווען, אז דער מוח פון א איד זאל לכתחלה זיין גוט. א איד האט אן עבודה משפיע צו זיין פונעם מוח אויפן הארץ, אבער דער מח איז לכתחלה אינגאנצן ליכטיג און הייליג - אן אור פון י"ג מידות של רחמים.

> **אט דער 'הרהור' וואס דו רעכנסט זיך נישט דערמיט, און דו שפירסט אז דאס איז נישט 'דיר', דוקא דאס איז יא 'דו'. אט דאס איז דער מהות פון א איד...**

## ווער איז דער 'איך'?

טאמער וועסטו פארט טענה'ן: דער מח איז נישט 'איך'. איך שפיר נישט אז איך וויל בלויז דעם אייבערשטן. מיר זעט אויס, אז איך וויל ענדערש אייז-קרים... אויף דעם האט דער תפארת שלמה אויסגעשמועסט: **"תְּחִלַּת בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִתֵּן לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הִרְהוּר עֲבוֹדָה בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ"**. אט דער 'הרהור' - וואס דו רעכנסט זיך נישט דערמיט, און דו שפירסט אז דאס איז נישט 'דיר' - דוקא דאס איז יא 'דו'. אט דאס איז דער מהות פון א איד. אט דאס איז דער טייטש פון "ישראל עלו במחשבה", אז דאס וואס דו האסט אין קאפ א שטרעבן צו טון רצון ה' - אט דאס איז דיין אידישע אידענטיטעט! דו האסט נישט אט דעם אמת'דיגן אינערליכן רצון צו די אייז-קרים.

ריכטיג טאקע, דו ליגסט אין שטותים און נארישקייטן. אבער דו האסט א

המשך אין עמוד ב

# טהרה פארן גאנצן יאר

**וואס מיינט עס די 'טהרה' וואס מען באקומט שבת פרה? • איז עס נאר א הכנה פאר פסח? • וויאזוי איז עס א השלמה אויף די עבודה פון פורים?**

**משפיע:** א גוט יאר, אברהם יצחק. מ'האלט שוין נאך פורים...

**אברהם יצחק:** ברוך ה', ס'איז געווען מורא'דיג!

**משפיע:** און יעצט גייט מען ווייטער, ס'קומט 'שבת פרה'. א גרויסער שבת!

## דער 'אור' פון שבת פרה

**אברהם יצחק:** אוודאי, שלושים יום קודם החג, מ'דארף זיך גרייטן אויף פסח.

**משפיע:** יא, אבער וואס איז מיט שבת פרה אליין...

**אברהם יצחק:** דאס מיין איך טאקע, וויבאלד 'פרה' איז א הכנה צו פסח, ווייל מ'קען דאך נישט עסן דעם קרבן פסח אן שפריצן די 'אפר פרה'. וועגן דעם ליינט מען פרשת פרה, זיך צו אנגרייטן אויף פסח.

**משפיע:** כ'וויל זיך דווקא שטעלן אויף שבת פרה, אן קיין

> **יעצט איז די צייט ווען השי"ת אליינס געבט זיך אפ צו מטהר זיין זיינע קינדער, און דעריבער איז יעצט א שטארקע זמן מסוגל אריינצולייגן הארץ און מח אין דעם ענין פון טהרה**

שייכות מיט פסח. מ'דארף פארשטיין, אז שבת פרה איז אליינס גרויס, אויסער דעם וואס ס'איז הכנה צו פסח. באקומט מען דעמאלטס א גרויסע שפע, און מ'דארף עס ריכטיג אויסנוצן. מ'דארף בעטן דעם אויבערשטן, אז מ'זאל זוכה זיין צו ריכטיג מקבל זיין דעם אור. מיר האבן שבת פרה נאר איינמאל א יאר! א מענטש וואס האט שכל, קוקט אויס א גאנץ יאר צו דעם תיקון וואס מ'האט אין דעם שבת.

**אברהם יצחק:** כ'האב געהערט, אז ס'איז דא אן ענין צו פארן צו א צדיק אויף דעם שבת. מ'זאגט אז דער אלטער רבי (בעל 'שומר אמונים') זי"ע איז אפאר מאל געפארן אויף שבת פרה צום אהבת ישראל פון וויזשניץ זי"ע.

**משפיע:** איך מיין אויך נישט דאס. כ'וויל רעדן איבער די גדלות פון דעם שבת אליינס. מ'דארף כאפן אז דער שבת האט עפעס אין זיך, ס'האט אן אור, און מ'דארף וויסן וואס צו טון דערוועגן און וויאזוי ס'איז אונז נוגע. כ'האב געזען, אז ווען כ'האב דערמאנט 'שבת פרה', האסטו גלייך אנגעהויבן מיט פארשידענע ענינים ארום דעם. אז מ'דארף פארן צו א צדיק, און פארוואס מ'האט מתקן געווען צו ליינען די פרשה פון פרה, אבער וואס איז שבת פרה? וועלכע אור באקומט מען דעמאלטס, און וויאזוי איז מען זיך מתחבר דערצו?

**אברהם יצחק:** כ'האב קיינמאל נישט געטראכט די אלע שאלות...

**משפיע:** קען זיין אז דו האסט אפילו נישט געוואוסט אז ס'איז דא וואס צו טראכטן... האסט געמיינט, אז שבת פרה איז נישט מער ווי א תקנת חז"ל צו ליינען א געוויסע פרשה, אלס זכר צו ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, און דא ענדיגט זיך עס! אבער מ'מוז וויסן, אז שבת פרה איז אסאך מער ווי דעם! די תקנה וואס חז"ל האבן מתקן געווען, צו ליינען די פרשה פון פרה, האט א מורא'דיגער אור און תיקון פאר נשמות ישראל אין זיך. און כדי צו זוכה זיין צו דעם גרויסן אור, דארף מען צולייגן הארץ און האבן די ריכטיגע צוגאנג צום שבת.

**אברהם יצחק:** איך פארשטיי, איז וואס איז טאקע די אור?

## א 'מערכה' פון ארבע פרשיות

**משפיע:** צוערשט דארף מען פארשטיין, אז מיר זענען יעצט אינמיטן א גאנצע מערכה פון ארבע פרשיות; שקלים, זכור, פרה און החודש, וואס דרייען זיך ארום די ימי הפורים, צוויי בעפאר און צוויי דערנאך, און זיי זענען א הכנה צו די התחדשות השנה, וואס הייבט זיך אן בימי ניסן און יו"ט פסח. דעריבער איז נישט קיין שאלה, אז יעדער שבת האט זיך זיין וויכטיגע השפעה פון קדושה, וואס מיר דארפן האבן אויף א גאנץ יאר כדי צו מתקן און משלים זיין דעם יאר וואס מ'האלט אינמיטן ענדיגן.

**אברהם יצחק:** אינטערעסאנט. אבער כ'פארשטיי נישט, וואס מיינט 'א גאנצע מערכה'? וועלכע מערכה?

**משפיע:** לאמיר מסביר זיין וואס מיינט א 'מערכה'. למשל; פסח, ספירת העומר און שבועות איז איין גרויסע מערכה. צוערשט דארף מען ארויסגיין פון מצרים און מקבל זיין א גרויסע קדושה, נאר מיט אן אתערותא דלעילא און נישט לויט ווי מ'האלט אין עבודת ה'; דערנאך דארף מען אליינס ארבעטן און ציילן ספירת העומר; און דערנאך קען מען זוכה זיין צו די תורה. יעדער פארשטייט, אז מיר האבן דא איין גאנצע מערכה, און אויב מ'זאל אוועקנעמען אפילו איין חלק, פעלט פון די גאנצע זאך.

מיר האבן אויך די מערכה פון ראש השנה, יום כיפור און סוכות, וואס אלע דריי צוזאמען בויען א שלימות הנפש, יעדער זיין וויכטיגער חלק.

דעריבער, ווען מ'וויל אביסל פארשטיין וואס מיינט ספירת העומר אדער סוכות, דארף מען צוערשט לערנען און פארשטיין די כללות'דיגע נקודה פון די גאנצע מערכה, און דאן קען מען אנהייבן פארשטיין די פרטית'דיגע טאג וואס מ'וויל פארשטיין.

**אברהם יצחק:** אהא, די ארבע פרשיות זענען איין גרויסע מערכה. כ'פארשטיי.

**משפיע:** ווען מ'פארשטייט אז אלע פיר זענען איין גרעסערע מערכה, פארשטייט מען אז יעדע פון די פיר שבתים געבט אונז זיין חלק, און יעדע חלק איז וויכטיג כדי צו קענען באקומען די תועלת וואס מיר ווילן באקומען פון די גאנצע מערכה. ווייל אויב ס'פעלט אפילו איין חלק, איז עס א חסרון אין די גאנצע מערכה! דעריבער דארף מען אריינלייגן הארץ און מח, אין יעדע פון די פיר שבתים.

**אברהם יצחק:** למשל, לגבי די מערכה פון פסח-ספירת העומר-שבועות, פארשטיי איך מ'איז זוכה צו קבלת התורה דורך אלע דריי חלקים, ווייל די נקודה פון די גאנצע מערכה איז, אנצוקומען צו הר סיני. אבער וואס איז די נקודה פון די ארבע פרשיות?

**משפיע:** די ספרים הק' ברענגען אסאך מהלכים וויאזוי צו מסביר זיין די מערכה פון 'ארבע פרשיות'. מיט טיפערע מהלכים וויאזוי די פיר זענען אנטקעגן די פיר אותיות פון שם הוי"ה א. א. וו. אבער לאמיר עס מסביר זיין על פי פשטות.

די ארבע פרשיות בויען זיך אויף די שלימות פון נפשות ישראל. ס'איז באקאנט אז "בניסן נברא העולם", וואס דאס מיינט אז ס'ווערט דעמאלטס נתחדש דער שפע רוחני פארן גאנצן יאר, און דעריבער איז דעמאלטס א צייט צו באנייען אונזער קשר מיטן אויבערשטן און ריכטיג אוועקשטעלן כלל ישראל. אויף דעם דארף מען א הכנה פון ד' פרשיות:

**שבת שקלים** איז מען מגלה די נקודה הפנימית פון יעדן איד; דערנאך דארף מען אפרוימען די חלק הרע וואס נעמט עס ארום, און דאס געשעט **שבת זכור**; דעמאלטס קומט **פורים**, ווען מ'מאכט מחיית עמלק און די רע ווערט אינגאנצן נכנע אונטער טוב; און נאכן אפרוימען די רע, דארף מען מטהר זיין די חלק הקדושה פון די שמוץ וואס האט זיך אנגעכאפט אין איר דורכן חלק הרע, דאס איז יעצט אום **שבת פרה**; און דאן איז מען זוכה צו די התחדשות פון **שבת החודש**.

**אברהם יצחק:** וואס מיינט, "שבת פרה איז מען מטהר די חלק הקדושה"? וויאזוי טוט מען עס?

**משפיע:** קודם כל, דאס אליינס אז מ'פארשטייט אז דער

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

געזונטער און נאטורליכער מוח וועלכער וויל דעם אויבערשטן, 'עלו במחשבה'. און דיין אויפגאבע איז, משפיע צו זיין פון דארטן - ביז צו דיין הארץ, ביז דו וועסט ארויסקריכן פון די שטותים און דו וועסט זיין איין שטיק 'עכטער דיך'.

**אין קורצע ווערטער: די ערשטע עבודה** וואס מיר ווערן דא געוואויר איז, נישט צו פארדאַרבן דעם מח. מאך נישט קיין שיטה פון שוועריקייטן. נישט ווייל דיין הארץ ציהט דיר צו א נארישקייט - מוזטו שוין אויך טראכטן אויף דעם ריכטונג. פארקערט, דיין גוטע מחשבה איז דיין אידישער סימן. האלט אן דיין קלארן קאפ - אפילו ווען דו זעסט אויס ווי דו זעסט אויס. לאז כאטש זיין א ויכוח צווישן דעם מוח און הארץ...

**די צווייטע עבודה:** נעם דיין מח און מאך אים בעל הבית אויפן הארץ. נאכדעם וואס דו האסט שוין פארשטאנען, אז דו פארמאגסט א געטליכער כח אין דיין מוח, קענסטו שוין ארויסגיין אין מלחמה. דו פארמאגסט שוין א נוקלעארע וואפן וועלכע איז פיל מער מאכטפול ווי אלע אנדערע ציאונגען. יא יא, דער הארץ וועט אודאי נאכאלץ פארפירן, אבער ער איז נישט קיין געטליכער כח. דאקעגן, דער מוח איז דאך א געטליכער כח! דער אויבערשטער גיבט דיר אן אור פון י"ג מידות של רחמים. דעריבער קענסטו זיין זיכער, אז דו וועסט צום סוף באזיגן די מלחמה.

אויבערשטער וויל אונז יעצט מטהר זיין, איז אונז מחייב צו **וועלן** זיך מטהר זיין! ווען מ'האט נישט די ריכטיגע ווילן און חשק דערצו, פעלט אויך אין די שפע וואס קומט אראפ. דעריבער, די עצם התבוננות אין דעם שבת האט א געוואלדיגע רווח, ווייל ס'ברענגט א חשק צו מקבל זיין טהרה.

דערצו, ווען מ'כאפט אז 'פרה' איז א המשך פון 'זכור' און פורים, פארשטייט מען אז די טהרה פון שבת פרה, איז א השלמה צו די עבודה פון פורים, ווייל די נקודה פון פורים איז, די מלחמה וואס מיר פירן אנטקעגן די כח הרע און עמלק וואס יעדער מענטש האט אין זיך, און ביים נס וואס השי"ת האט אונז געמאכט, האבן מיר מכניע געווען די כח הרע פון די גאנצע בריאה. אבער די אמת'ע שלימות איז, ווען ס'בלייבט אפילו נישט קיין זכר דערפון. ווען מ'ווערט אינגאנצן ריין פון אלעס וואס האט זיך אנגעקלעבט אין אונז, זייענדיג בשייכות מיט די כוחות הרע. קומט אויס אז אין דעם שבת ווערט נשלם די עבודה פון פורים.

אברהם יצחק: כ'האב נאכנישט פארשטאנען וויאזוי דאס וואס מ'באקומט יעצט, איז אנדערש ווי שבת זכור? מיר האבן אינגאנצן אויסגעמעקט עמלק אום שבת זכור און פורים, וואס קומט יעצט צו מיטן באקומען די כח הטהרה? וואס איז די 'טהרה', וואס מ'דארף אזוי גלוסטן דערצו?

## כ'האב נישט קיין שום שייכות מיט רַע

משפיע: 'טהרה' מיינט, אז מ'דערהערט אז מ'האט נישט קיין שייכות מיט גשמיות און טומאה! ווען א מענטש הייבט אן א מלחמה מיט די כוחות הטומאה, דארף ער פארשידענע תחבולות כדי צו ניצול ווערן פון זיי. דאס איז די עבודה פון 'זכירה'; מ'נעמט אכט וואספארא שווערע מלחמה מיר שטייען אויס מיט אזא גרויסער שונא, און ווי שלעכט ער איז. דאס טוט מען שבת זכור, ווען מ'דערמאנט זיך וואס עמלק האט געטון, און מ'איז מחליט אים אויסצומעקן ביזן סוף.

דערנאך קומט די מלחמה אליינס מיט די רע, צו זיך וואס מער דערווייטערן דערפון. און דאס געשעט פורים. אבער ביז יעצט, האט מען נאך געשפירט א משיכה צום רע, נאר מ'ווייסט אז מ'דארף זיך טאקע שלאגן מיטן חלק הרע וואס מ'האט נאך אין זיך.

אבער יעצט קומט די 'טהרה', זיך רייניגן אפילו פון די משיכה צו רע. ווען מ'כאפט אז כ'האב נישט קיין שייכות מיט רע, כ'בין א אנדער זאך, מ'הייבט זיך העכער די נפילות, מ'איז זיך מטהר פון די משיכה אליינס! מ'גייט אריין אין אינגאנצן אן אנדערע וועלט, א וועלט פון טהרה און קירבת ה', ווי ס'איז

נישטא קיין מקום פאר א נפילה אדער פגם.

אברהם יצחק: לאמיר זען אויב כ'האב פארשטאנען: 'טהרה' איז א געפיל אז מ'איז העכער פון די גאנצע 'עולם הזה'.

משפיע: גערעכט, אבער ס'איז נישט נאר א געפיל. ס'איז אן אמת'ע כח וואס ווערט נשפע פאר יעדן נשמה, מיט וואס מ'קען זיך הייבן העכער די שפלות און זיך מתחבר זיין צו קדושה און קירבת ה'. דעם שבת באקומט מען דעם כח, ווייל השי"ת האט אריינגעלייגט די כח אין די מצוה פון פרה אדומה. שבת פרה, מיט די כח פון די מצוה וואס ליגט אין די חלק התורה וואס רעדט פון די מצוה, און דערצו די כח פון שבת וואס ברענגט אזויפיל קדושה אויף יעדן איד, איז מען מקבל די כח פון טהרה.

אברהם יצחק: אלעס פאסירט אין איין שבת? נאך שבת גיי איך נישט האבן קיין משיכה צו גשמיות און עולם הזה?

משפיע: נישט פונקט. ס'גייט נישט אויף איין פוס, אבער מ'באקומט די כח אנצוקומען דערצו. ווען א מענטש וויל בויען א צוואנציגע שטאקעדיגע בנין, און ער איז זיך געגאנגען איינהאנדלען די בוי מאטריאל דערפאר, מיינט עס נאכנישט אז ער האט יעצט א פארטיגע בנין! ער דארף ארבעטן דערויף, און די ארבעט איז גארנישט אזוי גרינג, ס'פאדערט אסאך כח און צייט! אבער פארט האט ער די מאטריאל און די מעגליכקייט דערצו. און אויב ער וועט נישט אויסניצן די געלעגנהייט צו איינקויפן די מאטריאל, וועט ער שפעטער נישט קענען בויען איין שטאק אויך נישט.

די זעלבע איז ביים שבת ווען 'מ'קויפט טהרה'. יעצט איז די צייט ווען השי"ת איז משפיע טהרה פאר יעדן איד, און מ'דארף עס יעצט איינקויפן און איינבאקן אין זיך, און ווי נאר מיר וועלן האבן דעם כח אין זיך, וועלן מיר זיך קענען באנוצן דערמיט א גאנץ יאר כדי אויפצובויען דאס וואס מיר דארפן אויפבויען. מ'דארף וויסן, אז אין דעם שבת איז דא א גרויסע סייעתא דשמיא צו זוכה זיין צו טהרה, ווייל יעצט איז די צייט ווען השי"ת אליינס געבט זיך אפ צו מטהר זיין זיינע קינדער, און דעריבער איז יעצט א שטארקע זמן מסוגל אריינצולייגן הארץ און מח אין דעם ענין פון טהרה, און זיך משתוקק זיין דערצו.

אברהם יצחק: איז למעשה; אין דעם שבת דארף מען האבן א רצון זיך צו הייבן העכער אלע ענייני גשמיות, און וועלן ווערן אינגאנצן ריין.

משפיע: יא. כ'וואלט דיר גערעכט צו לערנען ספר 'מסילת ישרים' אין פרק טז-יז, ווי ער איז מבאר די מידה פון טהרה, און וועסט דארט זען אלעס וואס מיר האבן גערעדט, און נאך אסאך פרטים און ביאורים אין די 'חלק המעשה'.

אברהם יצחק: יישר כח! הלוואי זאלן מיר זוכה זיין דערצו!

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**אויף מידת השמחה דארף מען הארעווען מער פון אלע מידות (צו עס קונה זיין), ווייל אלע מידות קען מען זיך נאך מאכן, אבער שמחה קען מען זיך נישט מאכן.**

הרה"ק ה'בית אהרן' זי"ע (מאורי אש)



# וואס מיינט 'אמונה'?

די צענדליגער אויגן פון די טשערנאבילער איינוואוינער, האבן איינמאל און נאכאמאל געליינט די ווערטער וואס האבן זיי אזוי איבערגענומען: "קהל אנשי שלומינו, היו נכונים! הצדיק הישיש הקדוש והטהור ר' דוד לייקעס שליט"א, תלמיד הבעש"ט זי"ע וחותנו של רבינו שליט"א, שלח שליח אל רבינו הקדוש שליט"א שעתיד הוא לבוא אליו לביקור בעזהשי"ת ביום שלישי בשבוע הבעל"ט".

די ווערטער האבן זיי איבערראשט ביז טרערן, זייערע הערצער האבן געפלאטערט באגייסטערט.

"א תלמיד פון בעל שם טוב הקדוש קומט אהער! ווער וואלט דאס געגלייבט?" האבן זיי געמורמלט איינער צום צווייטן.

די שמועה איז אריבער פון מויל צו אויער, ביז די גאנצע שטאט, אן אויסנאם, איז געווארן פארכאפט אין עקסטאז. די חסידים האבן געציילט די טעג, אויך די נשים צדקניות און קינדער האבן אייסערליך געשמועסט צווישן זיך. "וואויל זענען די אויגן וואס וועלן זען די אויגן, וואס האבן געזען דעם הייליגן בעל שם", איז געווען די זאץ וואס יעדער האט געזאגט.

דערנאך איז געווארן באקאנט נאך א שמועה פון ביתו נאוה קודש פונעם רבי'ן, אז דער הייליגער טשערנאבילער מגיד זי"ע גרייט זיך ארויסצופארן דינסטאג צופרי, צו ענטפאנגען זיין שווער אויפן וועג. מער האבן די חסידים נישט געדארפט הערן; און ס'איז נישט געבליבן קיין אייןליידיגער בעל עגלה אויף דינסטאג צופרי.

ס'איז דינסטאג פארטאגס. די טונקעלע וועגן וואס פירן ארויס פון טשערנאביל זענען אויפגעלויכטן, מיט די געיעג פון צענדליגער חסידים, געשפאנט מיט שטורעמישע הערצער, ליכטיגע פנימ'ער און נאסע פיאות ארויס פון מקוה, שטופן זיך ארום די אנגעלאדנטע וועגענער, פרובירן פארהאנדלען מיטן בעל עגלה זיי ארויפצולאזן אויפן געפאקטן וואגן. זייערע אויגן זוכן מיט ליכט עפעס א שפאלט צווישן די רייזנדע, ווי זיי וועלן זיך קענען אריינקוועטשן און אנטייל נעמען אין די הייליגע קבלת פנים.

צוביסלעך האבן זיך זאכן אויסגעקלארט. טייל בעלי עגלה האבן ארויפגעלאזט געציילטע חסידים, אנדערע זענען נישט געווען אזוי גליקליך, און זענען צוריקגעגאנגען אנטוישט צום שטעטל. די בעלי עגלה שמייסן אריין די פערד, מ'פארט.

די אומגעפלאסטערטע וועגן ווארפן די וועגענער אין די הייעך, אבער די הערצער פון די חסידים ווארפן זיך נאך העכער. מיט יעדע פארבייגייענדע מייל, ווערט די מרחק צווישן זיי מיטן צדיק אלץ קלענער, און זייערע כיסופין ווערן אלץ שטערקער.

אויפאמאל, נאך אפאר שעה פון פארן, האט איינער אויסגערופן א מעלדונג וואס האט יעדן צוטרייסלט: "דער צדיק איז דא!"

די יונגערע חסידים וואס זענען געזעצן פארנט פון וואגן, און האבן באמערקט דעם וואגן וואס קומט זיי אנטקעגן, זענען גלייך אראפגעשפרינגען פון וואגן, און ווערנדיג באגאסן מיט א שווייס פון חרדת קודש, זענען זיי געגאנגען צום ריכטונג פון דעם וואגן. זיי זענען נישט געווען גרייט דערפאר. ווי עס שיינט, האט זיך דער וואגן פון זייער הייליגער רבי פון טשערנאביל ערגעצוואו פארזוימט, און זיי אליינס האבן יעצט געדארפט מקבל פנים זיין דעם תלמיד הבעש"ט. זיי גייען צו מיט גרויס פחד און בושה.

דער בעל עגלה פון רבי דוד'ס וואגן, האט געזען ווי חסידים קומען אים אנטקעגן און ער האט דאס געמאלדן פארן צדיק. רבי דוד האט אים געהייסן זיך אפשטעלן, און זיי צורופן צו אים.

אינגאנצן פארציטערט שטעלן זיי זיך פארן צדיק.

"ווער זענט איר? פון וואו קומט איר?" האט דער צדיק געפרעגט.

"מיר קומען פון טשערנאביל, מיר זענען תלמידים פון רבי מאטיל, דעם רבי'נס איידעם".

דער צדיק קוקט זיי אן מיט זיינע הייליגע אויגן, א פחד און בושה נעמט זיי ארום. "איר זענט תלמידים? אהא", האט דער צדיק געזאגט, אדער צו זיך, אדער צו די פארציטערטע חסידים.

"איר גלייבט אין אייער רבי?" האט ער געפרעגט.

זיי שווייגן אלע. די חסיד'ישע צעבראכענע הארץ, האט זיי נישט געלאזט געבן אן ענטפער. זיי ארבעטן אויף זייער אמונה, אבער ווער קען זאגן אויף זיך אז ער האט די ריכטיגע אמונה אין צדיק?

"לאמיר אייך דערציילן וואס מיינט אמונה", האט דער צדיק נישט געווארט אויף זייער ענטפער. ער הייבט אן:

"איינמאל ווען כ'בין געווען ביי מיין הייליגן רבי'ן, דער בעל שם טוב הק' זי"ע, און ס'האט זיך געמאכט אז מ'האט מאריך געווען שלש סעודות און מעריב לענגער ווי געווענליך, און דערנאך זענען מיר געבליבן אין בית המדרש אויף סעודת מלוה מלכה. אויפאמאל האט זיך מיין רבי געווענדן צו מיר, און געזאגט: "דוד, געב געלט צו קויפן אביסל מעד".

"כ'האב קלאר געוואוסט אז כ'האב נישט קיין געלט. ס'איז דאך געווען מוצאי שבת, כ'בין נאכנישט ארויס פון בית המדרש זייט שבת און געלט איז דאך מוקצה? אבער כ'האב נישט געטראכט צוויי מאל. מיט אן אמונה פשוטה אינעם רבי'ן וואס די גאנצע וועלט ווערט געשפייזט אין זיין זכות, האב איך אריינגעשטעקט מיין האנט אין טאש און כ'האב דארט געטראפן א גאלדענע רענדל, וואס כ'האב קלאר געוואוסט אז ס'איז נישט געווען דארט פריער".

"זאלט איר וויסן: **אמונה מיינט המשכה**, ווייל מיטן כח פון אמונה קען מען ממשיך זיין השפעות", האט דער צדיק געענדיגט זיינע ווערטער צו די חסידים.

מקור: סיפורים ומאמרים יקרים

# פרה אדומה היינטיגע צייטן?

## וואס געבט אונז צו פרשת פרה, ווען די פרה אליין האבן אונז בכלל נישט, און ס'איז דאך שוין נישט קיין חלק אין קרבן פסח?

## שאלה:

חז"ל האבן מתקן געווען צו ליינען די וואך אין די תורה פרשת פרה, און לויט טייל ראשונים איז עס גאר א דאורייתא (עיין משנ"ב), וויל איך פארשטיין מיט וואס איז די מצוה פון זיך מטהר זיין פון טומאת מת, אנדערש פון הונדערטער אנדערע מצוות אז מען דארף דערפאר א באזונדערע שבת'דיגע קריאה? וואס איז די ציהל פון די קריאה פון פרשת פרה? וואס וויל מען דערמיט דערגרייכן? ולפי זה וויל איך הערן וואס איז אונזער עבודה אין דעם שבת?

## תשובה:

על פי פשטות, ווי מיר לערנען אין דברי חז"ל, איז פרשת פרה נתתקן געווארן אלס הכנה צום קרבן פסח. ווייל כדי מקריב צו זיין קרבנות אין בית המקדש דארף מען דאך זיין טהור פון טומאת מת, וואס קען נאר זיין דורך שפריצן מי חטאת וואס האט אין איר אביסל אש פון די פרה אדומה, דעריבער ליינט מען פרשת פרה - אלס הכנה צו הקרבת קרבן פסח (וואס מיר וועלן ליינען פרשת החודש) וואס דאס איז די ראש וראשון, ד.ה. די שורש פון אלע קרבנות, און דורך איר ווערן אידן נאנט צום אויבערשטן (און דאס איז אויך די איינציגסטע קרבן וואס אויב מען איז איר מבטל איז דא א חיוב כרת).

**אין אנדערע ווערטער**, פרשת פרה ברענגט ארויס די **בענקשאפט און גלוסטעניש** מקריב צו זיין קרבנות בכלל, און דעם קרבן פסח בפרט. ווייל דער כלל איז: די הכנה צו א מצוה איז די בענקשאפט צו די מצוה.

אבער מיט אביסל א טיפערע מחשבה, ווערט שווער. סוף כל סוף, איז די מצוה צו זיין טהור פון טומאת מת, נישט קיין חלק פון די מצוה פון מקריב זיין קרבנות, נאר ס'נעמט פשוט אוועק די זייטיגע שטערונג - די טומאה - וואס שטערט אים פון מקריב זיין דעם קרבן. איז זייער אינטערעסאנט, פארוואס האבן חז"ל מתקן געווען דווקא אט די פרשה אלס הכנה און אויף צו ערוועקן די תשוקה צו הקרבת קרבן פסח, אין די צייט וואס ס'איז בכלל נישט קיין חלק פון די מצוה. אזויווי ס'פשוט אז איינער וואס איז נישט טמא געווארן טומאת מת, קען מקריב זיין א קרבן פסח, אן אפר פרה. און נאך מער איז שווער, היינטיגע צייטן, כל עוד מיר זענען נאך ליידער אין גלות, וואס געבט אונז צו פרשת פרה, ווען די פרה אליין האבן אונז בכלל נישט, און ס'איז שוין גארנישט קיין חלק אין מקריב זיין קרבן פסח?

**און אפילו נאכן לערנען אין די ספרים הק' אויף פרשת פרה,** וועלכע זאגן אלע, אז מכח תקנת חז"ל צו ליינען פרשה פרה, ווערט נתעורר מלמעלה אין דעם שבת, די כח הטהרה וואס ווערט נשפע פון פרה אדומה - **בלייבט שווער,** ווייל וואס האבן מיר דען פון דעם וואס עס ווערט נתעורר א כח הטהרה פון טומאת מת, אויב בגשמיות ווערן מיר בפועל נישט טהור פון טומאת מת. און למעשה ווערן מיר נישט טהור אריינצוגיין צום מקום המקדש און מקריב זיין קרבנות דארט, איז וואס האט מען אויפגעטוהן מיטן ליינען פרשת פרה?

## די פנימית'דיגע מהות פון טהרה

**די תשובה אויף דעם אלעם איז די הבנה אין די פנימית'דיגער מהות פון טהרה.**

דאס איז פשוט אז אפר פרה איז נישט א טעכנישע פאטענט פון עטליכע טראפנס וואסער וועלכע זענען מטהר טמאים - פונקט אזוי ווי טומאת מת איז נישט קיין טאפעדיגער שווייס אדער שאלאכטס וואס מען דארף פשוט אראפוואשן איידער מען גייט אריין אין מקום המקדש. ניין! דאס איז הוילע ענינים רוחניים. טומאה איז א רוחניות'דיגער ענין פון כוחות הטומאה וואס רוען אויף א מענטש. און דאס זעלבע פארקערט איז טהרה אן ענין רוחני פון כוחות הקדושה וואס רוהט אויף א מענטש.

ווען א רוח הטומאה איז שורה אויף א מענטש, קען ער נישט אריינגיין אין א מקום קדוש, און ווען ער איז מקבל אויף זיך א רוח טהרה פון מי חטאת, ווערט די טומאה נתבטל, און פון יעצט קען ער שוין יא אריינגיין אין בית המקדש. דאס איז נישט נאר ווי אוועקנעמען 'א בלאקירונג' אויף מקריב זיין קרבנות, נאר א פאקטישער ממשית'דיגער המשכה פון געטליכער לעכטיגקייט אויפן מענטש, וואס איז מבטל די טומאה וואס ער האט געהאט אויף זיך, און מאכט אים ראוי נתקדש צו ווערן בקדושה עליונה.

אין אנדערע ווערטער, אין די וואסער מיט די אש פון די פרה אדומה, איז פארהאן א רוחניות'דיגע כח פנימי, א געטליכער אור, וואס ווערט נמשך אזוי ווי אין יעדע מצוה. און ס'איז נישט נאר א טהרה בפועל פון טומאת מת אליין, נאר א כללית'דיגע טהרה, ס'איז א געטליכע המשכה פון א פנימית'דיגע טהרה פאר די נשמה.

**וואס איז דאס טומאה? און פארוואס ווערט נמשך א טומאה דורך א מת דוקא?**

טומאה איז הסתרה פון געטליכקייט, און אזוי אויך מיתה וואס איז פארקערט פון לעבן. וואס דער מקור החיים איז דאך דער אויבערשטער דער איינציגסטער מקור פאר יעדע סארט לעבעדיגקייט, ווי מיר זאגן ביים דאווענען "ואתה מחיה את כולם". א איד וואס רירט אן א מת, שטרויכלט זיך אן אין די כח הטומאה וואס באהאלט די התגלות פון השי"ת אויף די וועלט, וואס דערמיט האט ער רח"ל באקומען עפעס שייכות צו די הסתרה אויף געטליכקייט. און דעריבער ווערט ער דערווייטערט פון צו קענען אריינגיין אין מחנה שכינה און מקריב זיין קרבנות, וועלכע זענען מגלה אלקותו יתברך.

וואס איז די עצה? דורך שפריצן פון די מים חיים פונעם אפר פרה, איז מען ממשיך אויפן מענטש א נייע גילוי אלקות, וואס דאס איז אסאך העכער און שטערקער פונעם הסתר פון מיתה. און ממילא ווערט בטל די רוח הטומאה, און דער איד קומט צוריק צום אויבערשטן. ווי א מעדעצין היילט א קראנקן להבדיל, אזוי העלפט די גרויסע טהרה צו היילן דעם הסתר.

## היוצא מדברינו:

אז די ענין פון טהרה איז א העכערע המשכה פון טהרה פאר די נשמה. און ממילא, ווען די ספה"ק זאגן אונז, אז אום שבת פרה ווערט נמשך טהרה פון אויבן, האט דאס זיכער א גרויסער משמעות, אויך יעצט בזמן הגלות און אויך אין אונזער דור יתום. אויך איז שוין פארשטענדליך פארוואס די טהרה פון 'אפר פרה' איז אומאפטיילבארע הכנה און הקדמה צום קרבן פסח.

דער מהות פון פסח איז התקרבות צום אויבערשטן! און טהרת הפרה איז די זעלבע זאך, א הכנה צו נתקרב ווערן צום אויבערשטן. און ס'איז ידוע דער כלל, אז התקרבות צום אויבערשטן איז תלוי אין די הכנה, און לויט וויפיל מ'בענקט דערצו. אויב אזוי איז קלאר, אז מ'קען נישט צוגיין צו קרבן פסח אן פרשת טהרת הפרה.

למעשה קומט אויס, אז ווען דער איד ליינט פרשת פרה, איז ער באמת זוכה צו ווערן טהור, און כאטש ער וועט אוודאי געוויס נישט קענען אריינגיין נאכדעם מוצש"ק אין די עזרה. דאס איז נאר ווייל צו טוהן א מעשה גשמי דארף אויך זיין א טהרה גשמי, בפועל ממש. אבער אלס די רוחניות'דיגע טהרה, וואס קומט מצד הנשמה, קען ער זוכה זיין אריינצוגיין נאכן ליינען פרשת פרה צו מקום בית המקדש של מעלה, דהיינו נתקרב צו ווערן צו השי"ת מיט אן אמת.

## עבודה למעשה:

**און ערשט לאמיר צוגיין צו די עבודה למעשה:**

**א.** קודם כל, די עבודה דעם שבת איז, צו ערוועקן א תשוקה צו הקרבת קרבנות בפרט, און צו די גאולה און בנין בית המקדש בכלל. וואס דאס אלעס איז א התגלות פון א נאנטקייט צו השי"ת. נאך וואס די העכסטע און הייליגסטע פלאץ פון השראת השכינה איז אין בית המקדש און מיט קרבנות.

**ב.** אזוי אויך דארף מען זיך אין דעם היינטיגן שבת ערוועקן א רצון צו טהרה, זיך חזר'ן אין די מחשבה 'רבש"ע! איך וויל זיין ריין פאר דיר!'. וואס 'זיין ריין' טייטשט, אוועקנעמען יעדע מסך המבדיל צווישן מיר און השי"ת. טהרה איז ווען די אייביגער קשר צווישן מיר און דעם אויבערשטן איז נישט פארשטעלט און באהאלטן. ס'איז נישטא קיין זאכן וואס שטערן און האקן איבער דעם קשר אלס תוצאה פון שלעכטע מעשים און מדות ח"ו, די קשר איז גאנץ און ריין.

**ג.** אין ספרי מוסר וחסידות ווערט מבואר אז די עיקר קליפות און כוחות טומאה וואס נעמען ארום א מענטש קומען פון גאוה און ישות, און די טהרה אויף דעם איז ביטול. און דעריבער איז טהרת פרה אדומה דווקא מיט פשוט'ע אש, און א קליין אזוב גראזעלע א.א.וו. דעריבער איז ספעציעל כדאי זיך אביסל מער מתבונן זיין אין אין אט די נקודה פון ביטול - כאטש דאס איז אלעמאל פון די עיקרי עבודה פון א איד אויף די וועלט - די טייטש פון ביטול איז: איך עקזיסטיר נישט צוליב מיר, נאר איך בין דא מיטן כח פונעם אויבערשטן, צוליב דעם אויבערשטן, כדי צו לעבן מיט אים און טוהן נאר זיין ווילן.

**ד.** וויבאלד יעצט בזמן הגלות האבן מיר ליידער נישט קיין אפר פרה בפועל, און די טהרה איז ברוחנית, דעריבער איז מען עס ממשיך מיט רוחניות'דיגע וועגן - תורה ועבודה. תורה קען מיינען: לערנען מסכת פרה, לערנען רמב"ם הלכות פרה, לערנען חסידישע ספרים על פרשת פרה. און עבודה מיינט: ארויסנעמען די געדאנק וואס מען האט געלערנט אינעם חסידישן ספר און עס אריינברענגען אין פיזישן לעבן, בענקען און וועלן, דאווענען און בעטן דערויף.

מיט א תפלה צום מטהר טמאים, אז מיר זאלן שוין איניגיכן זוכה זיין צו די הבטחה "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם".

להתעלות
718-925-2772

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הרה"ח ר' ישראל דוב קרויז שליט"א
לעילוי נשמת אמו הרבנית הצדקנית מראצפערט
מרת פעסיל בת"ר מנחם יוסף הלוי ע"ה
נלב"ע כ"ה אדר ב'

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד הרה"ח ר' אברהם שאומעל שליט"א
לטו"נ ההה"ק ר' משה יהושע בהרה"ק ר' חיים מאיר זי"ע
ה'ישועות משה' מויז'ניץ
ולזכות בנו יבלחט"א כ"ק רבי ישראל בן לאה אסתר שליט"א
לרפואה שלימה בקרוב ולאריכות ימים ושנים טובים בבריות גופא

חלק מהוצאות הגליון
נתנדב לטובת נשמת הרה"ק
ר' חי יצחק בהרה"ק ר' יוחנן
זי"ע האדמו"ר מראחמסטריווקא
נלב"ע כ"ט אב תשפ"ג

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483